NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12992

VI AZOY IKH KUM OYF DER LEVONE

Daniel Charney

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ביבליאָטעק „גרינינקע ביימעלעך"
רעדאַקטירט פון ש. באַסטאָמסקי

דניאל טשאַרני

ווי אַזוי איך קום אויף דער לבנה?

(אַ רייזע אין די שווייצערישע בערג)

ביבליאָטעק
יידישע
און פרעסע ארכיוו

ווילנע
פאַרלאַג: „נייע יידישע פאָלקסשול"
1928

Biblioteka „GRININKE BOJMEŁECH"

redagowana przez S. KASTOMSKIEGO.

D. Czarni

Jak ja doszedłem do Księżyca

(Podróż po górach Swajcarji)

Drukarnia Notesa i Szwajlicha Wilno, Wileńska 16

מיינע פלימעניצעס

מייזע און ליבע א מתנה.

I.

די שווייצערישע בערג.—דער שפּיץ פון דער „יונגפרוי“.—איך לערן זיך קלעטערן.

דאָס קליינע מדינהלע — די שווייץ איז באַרימט אויף דער וועלט ניט נאָר מיט איר שאָקאָלאַד, קעז און זייגערלעך, נאָר אויך מיט אירע ריזיקע אַלפּן-בערג, וואָס רינגלען זי אַרום פון אַלע זייטן.

כמעט אַלע טוריסטן (רייזנדער)'פון דער גאַנצער וועלט ציען זיך צו אָט דעם קליינעם און באַרגיקן לאַנד, כדי צו באַוואונדערן די שיינקייט און די קאַפּריזן פון דער נאַטור.

ס'מוז געוויס זיין אַ גרויסער פאַרגעניגן צו קלעטערן אין מיטן זומער אויף אייביק-פאַרשנייטע בערג-שפּיצן און דערזען פון זיי די גאַנצע שווייץ און אפשר נאָך אַ טייל פון איטאַליע.

ס'זיינען נאָך אָבער פאַראַן אין דער שווייץ אַזעלכע מיני בערג, וואָס קיין איין איינציקער

בערג-שטייגער האָט נאָך ניט באַוויזן צו דער-גרייכן זייערע שפּיצן, ווייל זיי זיינען זייער משופּעדיק און גליטשיק און ס׳איז אַ סכּנה אויף זיי אַ פוס צו שטעלן.

צווישן אָט אַזעלכע בערג צייכנט זיך אויס דער באַרג „יונגפרוי", וואָס געפינט זיך אין דעם אַזויגערופענעם „בערנער אָבערלאַנד"

קיין איין איינציקער בערגשטייגער האָט זיך פאַר קיין פאַל נישט געקאָנט דערקלייבן צו דעם העכסטן שפּיץ פון דעם דאָזיקן באַרג, און ער איז נאָך ביז איצטער פאַרבליבן אַ רע-טעניש פאַר דער מענטשהייט.

גראַד האָט דער דאָזיקער סודותפולער באַרג גענומען רייצן מיין פאַנטאַזיע, ווען איך בין נאָך געווען אַ קינד און דערוווּסט זיך פון אים דורך די ביכער.

עפּעס האָט זיך מיר אַלץ געדוכט, אַז איך וועל דאָס זיין יענער העלד, וואָס וועט זיך דערקלייבן צום שפּיץ פון דער „יונגפרוי" און דער ערשטער אַוועקשטעלן דאָרטן אַ פאָן, וואָס וועט פלאַטערן איבער אַלע הויכן און וועט דערציילן פון מיין גבורה.

איך האָב באַשלאָסן, אַז איך מוז באַצייטנס אויסלערנען זיך קלעטערן.

גראָד האָט אונדזער שטעטל נישט פאַרמאָגט אַרום זיך קיינע שום בערג — פלעג איך זיך מוזן באַנוגענען מיט אונדזער שינדל־דאַך.

מ׳פלעג אַ פּאָר מאָל אין וואָך דורכן בוידעם דערקלייבן זיך צום דאַך, אַוועקזעצן זיך רייטנדיק איבער זיין רוקן און אָנהאַלטן זיך פעסט אָן דעם ציגלנעם רויטן קוימען.

דענצמאָל פלעג איך זיך פאָרשטעלן, אַז איך רייט כלומרשט אויפן שפּיץ פון דער „יונגפרוי" און אָנהייבן האַסטיק פאָכן מיט מיין היטל איבערן קוימען, ווי מ׳וואָלט געפאָכט מיט אַ פאָן.

ניט איינער פון שטעטל פלעגט באַקומען טויט־שרעק, מיינענדיק, אַז ס׳איז, חלילה,

אַ שרפה. אָבער שפּעטער אַ ביסל האָט זיך דאָס שטעטל צוגעוווינט צו מיינע כשוגעתן, כאָטש די באָבע פּלעגט מיר שטענדיק אָנדרייען דעם אויער פאַר אַזאַ מין שפּאַציר־גאַנג אויפן דאַך.

איך פּלעג איר, נאַטירלעך, ניט דערציילן, צוליב וואָס איך קלעטער אויפן בוידעם, ווייל די מאַמע קען נאָך אַמאָל ניט לאָזן מיר. ווען איך וועל ווערן אַ גרויסער, און טאַקע אויף צו דעראַמתן אַוועקלאָזן זיך אין דער שווייץ, באַשטייגן די „יונגפרוי" און ווערן באַרימט אויף דער גאַנצער וועלט...

II

איך גרייט זיך אין וועג. די שטאָט בערן. אַלכּנגליען.

אויף דער העלפט איז מיין קינדער־טרוים טאַקע מקוים געוואָרן. ווען כ'בין געוואָרן אַ גרויסער, בין איך שוין געווען אין בערן, דער הויפּט־שטאָט פון דער שווייץ.

געקומען אַהין בין איך כלומרשט לערנען זיך, אָבער טיף אין הארצן האָב איך געהאַלטן פאַרבאָרגן מיין סוד וועגן דעם, אַז איך האָב

דאָ אויסצופירן אַ געוויסע שליחות, וואָס קיינער טאָר דערפון ניט וויסן.

יעדן פאַרנאַכט פלעג איך זיך אויפהייבן אויף דעם בערגל מיטן נאָמען „גורטן", וואָס שטייט לעבן בערן, און פון דאָרטן פלעג איך מיט גרויס גייגעריקייט שטודירן די אַלפּנקייט, איבערהויפּט דעם באַרג „יונגפרוי", וועלכע איז גאַנץ דייטלעך געשטאַנען צווישן אירע צוויי געטרייע שומרים-בערג: „מענך" און „איגער".

פון טאָג צו טאָג פלעגט וואַקסן אין מיר די זיכערקייט, אַז איך וועל אומבאַדינגט זיי „דאָרטן", אַז איך וועל אומבאַדינגט זיך אַוועקזעצן רייטנדיק אויף דעם דרייעקיקן יונגפרוי שפּיץ, ווי כ'פלעג אַמאָל רייטן אויף אינדזער שינדלדאַך.

ס'איז דאָך אַזוי נאָענט און ס'ציט און ס'רופט, ווי ס'ציט און ס'רופט אַ געניטן פייער-לעשער צו אַ שרפה.

יע, ס'פלעגט טאַקע אויסזען, ווי אַן אמתע שרפה, ווען די פאַרגייענדיקע זון פלעגט אָנ-צינדן מיט קאַלטע פלאַמען די אַנטקעגנשטייענ-דיקע פאַרשנייטע אַלפּנקעפּ און ס'פלעגט זיך דוכטן, אַז אַ ים צעשמאָלצענער גאָלד גיסט זיך פון די בערג אין גרינעם טאָל אַרונטער. אָבער

א נישט געניטע אויג פלעגט זיין ווײַזער, אז דאָס זיינען אויפן האָריזאָנט נישט מער, ווי וואָלקנס, וועלכע רויטלען זיך אנטקעגן דער שקיעה.

ס'האָבן געגלים די אַלפּן און צוזאַמען מיט זיי — אויך מײַן קינדער־טרוים.

נאָך נעענטער פלעגן מיר ווערן די אַלפּנבערג, ווען די זון פלעגט שוין זיין פאַרגאַנגען און די שפּיצן פלעגן זיך נעמען לעשן און לעשן און שטיין בלײַבן קאַלטע און ווײַסע, ווי אָקאָרשט אויסגעקאַלכטע ווענט. און דענסטמאָל פלעגן זיי זיך צורוקן צו מיר אויף א פּאָר קילאָמעטער נעענטער ווי געווען.

האָב איך זיך ערנסט גענומען גרייטן אין וועג אַרײַן.

כ'האָב זיך געקויפט אַ פּאָר האַמעטענע בערגשיך מיט באַנאָגלטע פּאַדעשוועס, ווי דיבאַייזנס.

אַזאַ פּאָר שיך מוז האָבן יעדער בערגשטײַגער, כדי זיין טראָט זאָל זיך בעסער באַפעסטיקן אין שניי און אײַז.

ס'איז אויך נויטיק א לאַנגער אַלפּנשטאָק מיט א שטאָלענעם שפּיץ אויף אָנצוהאַלטן זיך און אַ העקעלע אויף אויסצוהאַקן זיך טרעפּלעך אין די אײַזגלעטשערס, ווען דער וועג איז זייער

מטופעדיק.

אויסער דעם מוז מען נאָך האָבן אַ רוקזאַק אויף די אַקסלען. אין רוקזאַק נעמט מען מיט גיכט נאָר עסנוואַרג מיט וועש, נאָר אויך אַ פלעשל קאָניאַק צו דערוואַרעמען זיך און אַ פלעשעלע גליצערין צום באַשמירן דאָס געזיכט, עס זאָל זיך ניט שפּאַלטן די הויט פון דער צו הייסער בערגזון.

אַנדערע טוריסטן, וואָס גייען קאַליאַסטרעס-ווייז, נעמען נאָך מיט אַ לאַנגע — לאַנגע שטריק צום אָנבינדן זיך, כדי ווען עמיצער גליטשט זיך אויס — זאָלן אים די אַנדערע קענען אונטערכאַפּן.

איך אָבער גיי דאָך אַליין און דעריבער האָב איך אָנשטאָט אַ שטריק מיטגענומען אַ רויטן שטיק געוואַנט, כ׳זאָל האָבן פון וואָס צו מאַכן אַ פאָן, ווען כ׳דערגרייך דעם שפּיץ פון דער „יונגפרוי״, און אויך עטלעכע ראַקעטן— כז׳אָל קענען געבן סיגנאַלן אין טאָל, ווען איך קום אָן צום שפּיץ ביינאַכט...

דאָס האַרץ האָט מיר שוין גענומען קלאַפּן פאַר פרייד און אומרו, ווען איך האָב זיך פאָרגעשטעלט די גרויסע איבעראַשונג, וועלכע איך קלייב זיך מאַכן דער וועלט.

III.

די פאָרשטופן פון דער „יונגפרוי״ — דאָס מויערקעפּל. — האָטעל „איידלווייס״.

קוקנדיק פון בערן אויף דער „יונגפרוי״ — קאָנסטו מיינען אַז עס איז אפשר אינגאנצן ביי א פאָר קילאָמעטער גאנג צו איר. אַזוי נאָענט זעט זי אויס אָבער אין דער אמתן איז מיר אויסגעקומען צו פאָרן ביי אַ פאָר שעה מיטן צוג, וועלכער האָט זיך געשלענגלט דורך בערג און אָזערעס, דורך טונעלן און וואַסער־פאַלן, ביז איך האָב דערגרייכט דעם צופוסנס פון דער „יונגפרוי״.

פונם צופוסנס האָט מען זיך נאָך געקענט אויפהויבן צו די העכערע פאָרשטופן פון בארג דורך אַזאַ מין קלעטערבאַן, וואָס באוועגט זיך דורך דראָטענע קאַנאַטן, אָבער איך האָב באַשלאָסן פון אָנהייב אָן דורכצומאַכן דעם וועג צו־פוס, כדי עס זאָל ניט פאַלן קיין שום שאָטן פון זייטיקער הילף אויף מיין גרויסער דער־גרייכונג.

ז׳איז געווען מיטאָג־צייט. די זון האָט פון סאמע מיטן הימל באַגאָסן מיט בלענדנדיקן ליכט די אַרומיקע וויינגערטנער, אָזערעס און ווייס־געקאַלכטע הייזער.

כ׳האָב פלינק און גרינג גענומען שטייגן דורך דעם ברייטן וועג, וואָס האָט זיך גע־ שלענגלט ווי א ספּרונזשינע צווישן דערפלעך, גערטנער און וואַסער־פאַלן, ביז ער האָט זיך, ווי אַ שמאָלע כסענגע, פאַרלאָרן צווישן די מאָסנעס פונם וואַלד־פּאַס.

ס׳האָט זיך געאָטעמט אַזוי פריש און יאָנטעוודיק. עס האָט זיך געוואָלט באַגריסן יעדן איינציקן, וואָס איך טרעף אויפן וועג

אָבער די אַלע, וואָס איך האָב באַגעגנט אין וועג, האָבן מיט גרויסע טריט געשפּרייזט אויף צוריק אין טאָל אַריין פאַרכאַטערטע און ברוגזע, ווי זיי וואָלטן איבערגעלעבט דאָרטן אין דער הייך א גרויסע אַנטוישונג.

פלעג איך מיט ביטול דורכלאָזן זיי דעם וועג, פילנדיק, אַז קיינער פון זיי האָט ניט געהאַט דעם מוט צו פאַרטראַכטן אזאַ געוואַגטן פלאַן, ווי איך האָב מיר פאַרטראַכט. און ס׳האַרץ האָט געקלאפּט פאַר פרייד, וואָס מיט יעדן טראָט פאָרויס ווער איך אַלץ נענטער און נענטער צום געווינטשטן ציל.

— כ׳וועל זיך אומקערן אין טאָל, ווי אַ זיגער, און ניט, ווי אַ באַזיגטער, — האָב איך פאַר זיך געטראַכט, דורכלאָזנדיק די

פאַרשיידענע טוריסטן און ליידיקגייער.

מיט גרעסערן איפפעט האָב איך גענומען שטייגן איבערן וועג, וואָס איז געוואָרן אַלץ שמעלער און פאַרדרייטער, ווי ער אַליין וואָלט געטאַפּט דעם וועג צווישן די אוראַלטע סאָסנעס און פעלזנריסן.

שפּעטער אַביסל האָב איך זיך צוגעלייגט אונטער אַ בוים אויסרוען. איך האָב דערפילט, אַז אונטערן אויער ביי מיר ליגט גאָר ניט דער שטיינערנער באָדן פון דער „יונגפרוי"; נאָר אַ מויער־קעפּל, וואָס האַלט אין איין הידושען און דערציילן פון אומבאַקאַנטע וועלטן.

דאָס האָבן געוויס גערוישט די אַנצאָליקע וואַסער־פאַלן, וואָס זיינען משוגענערווייז געפלויגן פון די בערג־שפּיצן אין טאָל אַריין, צעשיטנדיק זיך אין וואַסער־שטויב, אויב נאָר עס פלעגט זיך זיי שטעלן אין וועג אַ פאַרעקשנטער פעלז, אָדער אַן אויסגעקערטער בוים־וואָרצל.

דאָס האָט געוויס גערוישט דער בערג־ווינטל, וואָס איז ווי אַ וועווערקע אַרומגעשפּרונגען אי־בער די ביימער־טרעפּ פונם וואַלד־פּאַס און גע־שאָסן מיט פאַראיאָריקע נאָדלען און שישקעס.

דאָס האָבן געוויס גערוישט די אונטער־ערדישע קוואַלן, וואָס האָבן זיך דורכגעשלאָגן

אַ וועג דורך דעם ערטערווייז צעשפּאָלטענעם פעלזיקן באָדן, כדי ערגעץ־ווו אין טאָל אויס־צוגיסן זיך אין אַ שטיפערישן טייך, אָדער אָנפילן אַ בלאָאויגיקע אָזערע.

איך אַזוי האָט געריושט מיין האַרץ אין ברוסט־קאַסטן, ווי ס׳וואָלט וועלן אַרויסשפּרינגען פון דרויסן און אויסקלאַפּן מיר די טריט פון מיין ווייטערדיקן גאַנג.

ערשט פאַרנאַכט האָט מיך דער וואַלדוועג אַרויסגעפירט צו אַ צווייטשטאָקיקן האָטעל „איידלווייס", וואָס איז געשטאַנען ביים עק פונם וואַלד־פּאַס אויף אַן אָפּגעהעבלעיוועטן פעלז.

דאָ ערשט האָט זיך גאָר אינגאַנצן אַנטפּלעקט פאַר מיר דער קופּאָל פון דער „יונגפרוי", וואָס האָט שוין אויסגעזען גאָר נישט אַזוי דרייעקיק, ווי מיר האָט זיך געזוכט פון בערנער „גאָרטן".

איך האָב זיך דערפילט אַזוי קליין און נישטיק אין פאַרגלייך מיט אָט דעם מעכטיקן ריז, וואָס קוקט דיר גלייך אין פּנים אַריין מיט זיין פאַרשטיינטער אייביקייט און דערציילט די געשיכטן פון טויזנטער און טויזנטער דורות, וועלכע ער האָט שוין איבערגעלעבט און וועט נאָך איבערלעבן.

און שטייענדיק אַזוי פאַרנאַכטלעך מיטן פּנים

געוועגדס צו אָט דער פאַרשנייטער אייביקייט— ווערסטו אַזוי רואיק און באַרואיקט.

עס שלאָפן איין אין דיר אַלע דיינע זאָרג און קלעמעניש און ס׳פאַרווילט זיך צונויפגיסן זיך מיט אָט דער יענוועלטיקער אייביקייט און ווערן אַ טייל פון אירע טיילן.

אַ שאָד נאָר, וואָס איך פלעג יעדע ווײַלע געשטערט ווערן דורך פאַרשיידענע פאַרשוינען, וואָס פלעגן אַלע ווײַלע אופהייבן זיך אַהער צום האָטעל „איידלווייס" דורך דעם קלעטערבאַן מיט ווייב און קינד אויף צו באַגעגענען דאָ דעם זון-אויפגאַנג אין מאָרגן: פאַרשטייט זיך, אַראָפּלאָזן זיך צוריק דורך דעמזעלבן קלעטער-באַן און באַרימען זיך אַ גאַנצן לעבן, אַז זיי זיינען געווען אין די אַלפּן, אַז זיי האָבן גע-קלעטערט אויף דער „יונגפרוי"...

איך האָב זיך אומגעדרייט צווישן זיי אַ פרעמדער, אַן עלנטער, ווייל ס׳איז מיר פרעמד געווען זייער באַנעמען זיך, זייער לשון, זייער פּיסטע גאוה און כ׳בין געוואָרן שטאַרק צופרידן, ווען מ׳האָט מיר אָנגעוויזן מיין נאַכטלעגער, ווו כ׳וועל זיך קענען גוט אויס-רוען ביז מאָרגן פאַרטאָג, ווען איך וועל זיך מיט פרישן מוט לאָזן אין מיין ווייטערדיקן גאַנג.

IV

זון־אויפגאַנג. — נעפּלים. — דער שווייּ צערישער טאָל. — אַלפּנהאָרן

כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט א האַלבע שעה
פאַרטאָג און באַשלאָסן וואָס גיכער אָפּטראָגן
זיך פון דער דאָזיקער טומלדיקער קרעטשמע
וואָס הייסט האָטעל „איידלווייס".

כ׳וועל בעסער דעם זונאויפגאַנג באַגעגענען
טיף אין די בערג, איינער אַליין. און כ׳האָב
זיך, ווי א באַפליגלטער אַוועקגעלאָזט באַרג־
אַרויף אַנטקעגן דער אויפגייענדיקער זון און
אַנטקעגן די קופּאָלן פון די בערג, וועלכע
זיינען נאָך געווען פאַרטײַפט אין ביינאַכטיקן שלאָף.

דאָ און דאָרט האָט נאָך געבלינצלט
א שטערן. אין מיטן הימל האָט זיך נאָך געּ
בלאָזט דאָס לבנה־טעלערל, אָבער ערגעץ־ווּ
הינטער די בערג האָט שוין א געהיימע האַנט
אָפּגעשאַרט די נאַכט־פאָרהאַנגען און געעפנט
לופטשיקלעך פון די הימל־פענסטער.

ס׳האָט א בלאָז געטאָן א פרימאָרגן־ווינטל.
באַלד האָבן די קאַנטן פון די בערגשפּיצן
זיך גענומען אויסשיילן פון זייערע ווינדעלעך
און באַזוימען מיט גאָלד זייער נאַקעטקייט.

דאָס זיינען די ערשטע זון־שטראַלן געפאַלן אויפן פראָפיל פון די בערגשפּיצן און באַגריסט ווי מיטן ערשטן „גוט־מאָרגן!“.

עטלעכע פוכקע ווייסע וואָלקנדלעך, וואָס האָבן אויף ביידערנאַכט צוגעלייגט זיך אויף כאַפּן אַ דרעמל אויף די נידעריקערע בערגשויסן, האָבן גענומען אויסשטרעקן פון זיך די פאַרקילטע אָטעמס און אָפּרייסן זיך פון זייערע נאַכטלעגערס.

דער גאַנצער טאָל אַרום און אַרום האָט זיך אָנגעהויבן באַדעקן מיט א גערירטן נעפּל און באַהאַלטן הינטער זיך וואַלד און אָזערע. אפילו דער האָטעל „איידלווייס“ איז באַלד פאַרשלונגען געוואָרן פון דעם נעפּל־ים.

שפּעטער אביסל האָט זיך פון הינטער דער אַלפּנקייט באַוויזן אַ גאָלדענע אויגל פון דער זון, ווי זי וואָלט מיט אַ פּראָזשעקטאָר אָנגעכאַפּט איר ווייטערדיקן גאַנג איבער די בערג און הימל.

די צענדליקער און צענדליקער פאַרשטייטע אַלפּן־קעפּ האָבן פּלוצים אָנגעהויבן גליען מיט אַ דורכגעשטראַלטער איגעוויניקסטער פרייד און ס'האָט זיך געגומען דוכטן, אַז דאָס זיינען נישט מער קיין פאַרגליווערטע טויטע פעלזן־מאַסן, נאָר גרויסע באַוועגלעכע שיפן, וואָס שווימען מיט פאַריסענע באַגילדעטע זעגלען

איבער דעם ים פון נעפל און איך — איך שווים מיט מיט זיי, ביז אָט די אַלפּנשיפן אַלץ ווייטער און ווייטער פון טאָל און פון נעפל.

עס האָט זיך מיר פאַרדרייט דער קאָפּ פון פרייד און באַגייסטערונג און באַלד האָט זיך מיר געווּנטשן דוכטן, אַז ערגעץ־ווּ אויף די בערג־שפּיצן האָבן אַ פּאָר צענדליק געלע קלויסטערס פונאַנדערגעוויגט זייערע גלעקער מיט אַ לויב־געזאַנג צו דער אופגייענדיקער זון.

דאָס האָט ערגעץ־ווּ אַ פּאַסטעך אין די בערג אויסגעבלאָזן אויף דעם „אַלפּן־האָרן" זיין פרימאָרגן־ליד און אַרונטערגעלאָזט זיין באַגלאָק־טע טשערעדע שאָף און ציגן אין טאָל אַריין.

שפּעטער אַביסל, אַז די זון איז שוין אַריבערגעשווּמען דורך דער אַלפּנקייט און באַוויזן זיך אויף דער זייט הימל — האָט זי זיך איינגעזויגט מיט אַלע אירע שטראַלן און פראַ־זשעקטאָרן אין דעם צעכוואַליעטן נעפּל־ים און גענומען אויסזופן פון אים ווי נאָר אַ וואָלקנדל, ווי נאָר אַ פאַרהאַנגל אויף וואַלד און אָזערע־און אויף מיילן ווייט האָט זיך אַנטפּלעקט דער שווייצערישער טאָל, באַשאָטן דאָ און דאָרט מיט רויט־באַדעכלטע שטעטלעך און דערפער, באַלייגט דאָ און דאָרט מיט גרינע טעפּיכער — פעלדער און ברוינע וויינגערטנער, באַהאַנגען דאָ און דאָרט מיט שפּיגעלעך — אָזערעס, וואָס האָבן געבליצט אַנטקעגן דער זון, ווי שטיקער קאָלירטע גלאָז.

מיר האָט זיך געחלומט דוכטן, אַז איך בין דאָ פאַרופן געוואָרן אויף אַ גרויסן יום-טוב, וואָס די נאַטור אַליין האָט צוגעגרייט פאַר מיר און איך דאַרף דאָ עפּעס ווינדער ווייזן.

כ׳האָב זיך גלייך דערמאָנט אויף מײַן גרויסער שליחות, וואָס איך האָב דאָ אויסצופירן און נאָך מיט מער איפּעס גענומען הייבן זיך באַרג אַרויף אַלץ העכער און העכער צווישן ברוינע פעלזן און שוימיקע וואַסערפאַלן איבער אומבאַקאַנטע אָפּגרונטן און געפאַרן.

מיטיקצייט האָט די זון גענומען אַזוי שטאַרק ברענען, אַז ס׳איז כמעט געוואָרן אוממיגלעך ווייטער צו שטייגן. ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז דער קאָניאַק האָט זיך אײַנגעגאָסן אין רוקזאַק און ברענט מיר די פּלייצע.

דער גליצערין, מיט וועלכן כ׳האָב זיך באַשמירט דעם פּנים, האָט נאָך מער געברענט מײַן הויט און ׳כ׳בין געוואָרן צופרידן, ווען כ׳האָב איבערן קאָפּ דערזען אַ באַרג-הייזקע, וואָס איז געווען ווי צוגעקלעפּט צו אַן אַרויסשטאַרשנדיקן פעלז. מיט די לעצטע כוחות האָב איך זיך דערקליבן צו אָט דער הייזקע, ווו מע געפינט שטענדיק אַ קאַלטע גלאָז ציגנמילך, אַן אָפּרו אין שאָטן און אַ גוטע עצה, ווי אַזוי ווייטער צו שטייגן.

V.

אין שויס פון דער יונגפרוי. — סאַנבער־נאַרד־הינט. — בערג־גייסטער.

דידזשיקע הייזקע שטייט, לאָזט זיך אויס, אינם שויס פון דער „יונגפרוי” — אַזוי האָט מיר דער באַלעבאָס אירער, א געוועזענער פירער דורך די אַלפּן און איצטער אויף דער עלטער—א פאַסטעך פון ציגן און שאָף, דערקלערט.

פון דער דאָזיקער הייזקע הייבט זיך שוין אָן דער סאַמע שווערער און געפערלעכער וועג אויף אויבן און זי דינט פאַר א מיטל־פונקט פאַר אַלע טוריסטן, וואָס קלעטערן דורך דעם דאָזיקן וועג.

ס׳פּאַסירן דאָ אָפט פאַרשיידענע אומגליקן מיט די נים געניטע טוריסטן, און דעריבער האָט דאָ דער אַלטער שווייצער צוויי געלערנטע סאַנבערנאַרד־הינט, וועלכע זיינען בכח אויסצו־שפירן אַן אַראָפּגעפאַלענעם טוריסט אין די סאַמע פאַרבאָרגנסטע אָפּגרונטן און געבן אים די ערשטע גיכע הילף.

מע טוט זיי אָן אויפן האַלדז אַן אַפּטייקל, וווּ עס איז פאַראַן יאָד, מאַרלע, בינטן, ווי אויך א פלעשעלע קאָניאַק מיט עטלעכע

סיכאַרעס — דער געניזיקפּער טוריסט זאָל זיך קענען קריפּטיקן, ביז ער וועט באַקומען הילף דורך מיגנפיען, אויב נאָר ס'וועט מעגלעך זיין פּאַר מענטשישע פיס צו דערקלייבן זיך אַהין.

איך האָב זיך מיט גרויס נייגעריקייט צו־געקוקט און צוגעהערט זיך צו דעם אלעם, וואָס עס קומט דאָ פּאַר אַרום אָט דעם דאָזיקן אויסערגעוויינטלעכן הייזל. איך בין אָבער געווען זיכער, אַז מיט מיר וועט קיין זאַך ניט פּאַסירן, ווייל אויסער מיין פּאָר גוט באַנאָגלטע שיך און פּעטסן אַלפּן־שטאָק — פאַרמאָג איך נאָך אַ פּאַרעקשנטן ווילן אויסצופירן מיין שליחות, וואָס איך אַליין האָב גענומען אויף זיך. אין דעריבער האָב איך גאַנץ קאַלטבלוטיק אויסגעהערט די אַלע מעשיות פון אַלטן פּאַסטעך וועגן די פאַרשיידענע אומגליקן, וועלכע האָבן טוין דאָ פּאַסירט און וועגן די עטלעכע טוריסטן, וועלכע זיינען פאָריקן זומער ניט געוואָרן אין די בערג און מ'ווייס נאָך ביז איצטער ניט, ווו זייער געביין איז אַהינגעקומען, כאָטש די הינט זיינע האָבן אויסגעשמעקט אַלע פאַרבאָרגנסטע ווינקעלעך.

— און צום שפּיץ פון דער „יונגפרוי" איז עפּעס ווייט פון דאַנען? — פּרוביר איך אים איבערשלאָגן.

— ווער קען דאָס וויסן? — ענטפערט ער מיר גלאַסן

— קיין מענטשלעכער פוס האָט זיך נאָך אויפן שפּיץ ניט דערקליבן... און וועט זיך ניט דערקלייבן! האָט דער אַלטער באַלד צוגעגעבן מיט זיכערקייט.

— פון וואַנען נעמט איר דאָס? — ווער איך נייגעריק.

— ווייל די בערג־גייסטער וועלן פאַר קיין פאַל ניט דערלאָזן!

— וואַסערנע בערג־גייסטער? — האָב איך אויף אים אָנגעשטעלט א פּאָר פאַרוואונדערטע אויגן.

— וואָס הייסט וואָסערע? — איז דער אַלטינקער ברוגזלעך אויפגעשפּרונגען, — אָט די גייסטער, וואָס הערשעווען איבער די בערג און פאָדערן אַלע יאָר קרבנות, פּונקט ווי די וואַסער־גייסטער, וואַלד־גייסטער און די אַנדערע, שדים ווייסן זיי!

— אָבער צום שניי־פּאַס איז שוין פון דאַנען גאַנץ נאָענט? — האָב איך פּרובירט איבער־שלאָגן אים זיינע מעשיות וועגן די בערג־גייסטער, אין וועלכע איך האָב, פאַרשטייט זיך, א קנאַפּע אמונה...

■ רייזנדער אין די בערג.

— אַ שעה פינף גאַנג, אויב נאָר מע גייט
דעם ריכטיקן וועג!

— זיינען דען פאַראַן נישט קיין ריכטיקע

װעגן אױך? — בין איך געװאָרן נײַגעריק.

— דערװעלביקער ריכטיקער װעג קאָן װערן דער ניט ריכטיקער, אײבּ נאָר מע פּאַסט ניט אױף, װי ס׳באַדאַרף צו זײַן.

— ???

— גאַנץ פּשוט, האָט דער אַלטינקער מיר גענומען דערקלערן, באַטערקנדיק, אַז איך פאַרשטײ אים ניט, — די בערג, פאַרשטײט איר ניך, זײַנען זײער פאַרפּירעריש. ס׳איז גענוג צובעליק זיך איבערצודרײען מיטן פּנים אין אַן אַנדער ריכטונג און איר װײסט שױן ניט, ײַהין זיך װײטער צו נעמען. דערװעלביקער װעג, װאָס האָט אײַך געפירט אַרױפצו, קאָן אײַך פאַרפירן אױף צודיק אין טאָל אַרײַן...

— ס׳איז אַ געפערלעכע שפּיל, און אָן אַ פירער װעט איר זיך װײַט ניט דערקלײַבן — האָט דער אַלטינקער באַלד מוסיף געװען.

איך האָב אים אָבער חישר געװען, אַז דאָס װיל ער מיך בפירון אָנשרעקן, כּדי איך זאָל אים דינגען פאַר אַ פירער און אַזױ אַרום מײַלן מײַן נצחון אױף צװײען... האָב איך בעכער באַשלאָסן ניט טײלן זיך מער מיט דעם אַלטינקן מיט מײַנע פּלענער און בעסער לאָזן זיך אױסבעטן אַ װעלכן ניט איז גע־

לעגער, כ׳יאָל זיך חי ס׳באַדאַרף צו זיין אויסריכטן
און אָנקלייבן כחות פאַר מיין ווייטערדיקן גאַנג.

איך בין דאָך געווען זיכער, אַז וויבאַלד מיר איז שוין געלונגען צו דערקלייבן זיך צום שפּיץ פון דער „יונגפרוי" — וועל איך זיך אויך דערקלייבן צו איר קאָפּ, צום סאַמע שפּיץ, נישט געקוקט אויף די אַלע סכנות ווענן די בערג־גייסטער און אַנדערע פאַר־פירענישן...

VI.

ס׳באַפאַלן מיך וואָלקנס.— א דרעמל אין כמאַרעס.—„איידלווייס".

ס׳האָט נאָר וואָס אָנגעהויבן טאָגן און איך בין שוין געווען אויף די פיס.

אַ געדיכטער נעפל האָט איינגעהילט דעם באַרג און פון ערגעץ־ווו האָט געבלאָזן א קאַלטער ווינטל.

דער אַלטער פאַסטעך, וואָס האָט מיר געמאָלקן זיינע ציגן, האָט מיר געראָטן מ׳זאָל אָפּוואַרטן, ביז ס׳וועט קלאָר ווערן די וועטער־לאַגע.

דער באַראָמעטער האָט אָנגעוויזן אויף רעגן, אָבער דער פאַסטעך האָט געהאַט זיינע אייגענע סימנים און פאָרויסזאָגונגען, אַז מ׳קען

נאָך אויסברעכן אַ געוויינטער אייך...

מיר האָט זיך אַלץ געדוכט, אַז ער וויל מיך איינשרעקן, כדי איך זאָל אים מיטנעמען פאַר אַ פירער. אָבער איך בין גאָרניט אייגן געווען צו טיילן מיטן אַלטן פאַטער דעם כבוד פון דערקלייבן זיך צום שפּיץ פון דער „יונגפרוי", און דעריבער האָב איך זיך אײַעקגעלאָזט טאַפן דעם וועג אין דער הייך אַליין, זייענדיק זיכער, אַז די אויפגייענדיקע זון וועט אייך היינט אויס־ווייזן דעם נעפּלים, ווי זי האָט עס געטאָכט נעכטן.

אָבער היינטיקן מאָל האָב איך געהאַט אַ טעות.

וואָס העכער איך האָב זיך אויפגעהויבן — אַלץ געדיכטער און פייכטער איז געוואָרן דער נעפּל אַרום מיר און באַלד האָט ער גאָר אינ־גאַנצן פאַרשטעלט מיר דעם וועג אויף פאָרויס און האָט אויך גאָר אינגאַנצן פאַרשלונגען דעם וועג אויף צוריק.

ס'האָט מיר גענומען פאַרדריסן, אַליבאַי איך האָב טאַקע נישט געפאָלגט דעם אַלטן שווייצער און נישט פאַרבליבן וואַרטן אין הייזקע, ביז ס'וועט קלאָר געוואָרן די וועטער־לאַגע. אָבער איצטער איז שוין פאַרפאַלן און

כ'מוז בלייבן וואַרטן, ביז איך וועל זיך אַרויס־טיילן פון אָט דעם נעפל.

כ'האָט אָנגעהויבן ווערן אַלץ פינס־טערער און פינסטערער אַרום מיר און כ'האָב דערפילט, אַז כ'ווער נאַס פון קאָפּ ביז די פיס.

מיר האָט זיך שוין גענומען דוכטן, צי גע־כען נישט טאַקע די בערג־גייסטער נקמה פון מיר, וואָס איך וואַג צו פאַרבעסטן זיך אויף זייער קיניגרייך. אָבער דער שכל האָט מיר אונטער־געזאָגט, אַז איך בין געוויס אַריינגעפאַלן אין וואָלקנס און האָב מיט גרויס שרעק אָפּגעזעצט זיך אויף דעמזעלביקן פעלז, וו' איך בין גע־שטאַנען.

כ'האָב אין דער פינסטער אויסגעפו־נען מיין פלאַש קאָניאַק, וואָס אין רוקזאַק, און עטלעכע מאָל אַ זופּ געטאָן פון פלעשל, כדי צו פאַרטרייבן די אינעווייניקסטע קעלט און דעם אַרומיקן עלנט מיינעם, און זיך שטייף איינגענורעט אין אייגענעם ביסל וואַרעמקייט.

כ'האָט זיך מיר באַלד גענומען דוכטן, אַז עפעס אַ געהיימע קראַפט ציט מיך אויף אונטן, אַז איך גליטש זיך אַרונטער פונם נאַסן פעלז גלייך אין טאָל אַריין, גלייך אין דער בלויער אָזערע אַריין, וואָס איך האָב נעכטן

הינטער זיך געלאָזן. און כ׳האָב זיך שוין גענו־
מען זעגענען מים זיך אליין...
לאָזט זיך אָבער אויס, אז דאָס האָט דער
קאָניאַק פון אינעווייניק און די שוואַרצע כמאַ־
רע פון דרויסן מיך גאַנץ גוט פאַרשלעפערט
אויף דעם פעלז, ווי איך האָב מיך אָפּגערוצט,
און כ׳האָב זיך אויסגעכאַפּט, ווען די מיסאָגי־
זין האָט געגומען קלאַפּן מיר אין קאָפּ אַריין
אין כ׳בין געקומען צו זיך.
דער גאַנצער טאָל איז נאָך געווען באַ־
דעקט מיט אַ געדיכטן שוואַרצן נעפּל, אָבער
דער וועג אויף אויבן האָט זיך אויסגעלייטערט
און כ׳האָב געקאָנט מיט פרישן מוט שטייגן
ווייטער אין דער הויך אַריין.
כ׳האָב גענומען מיט פרישע כוחות שטייגן
דורך די פעלזן, ווי כ׳וואָלט וועלן וואָס גיכער
אַנטלויפן פון דער שוואַרצער געפאַר.
אַ לאַנגע צייט האָט אַ ווייסער וואָלקנדל גאָך
אַרומגעהילט מיין גאַנצן קערפּער, ווי כ׳וואָלט
אים פאַרשלעפּט פון אונטן, אָבער דאָס האָט
די מיסאָגי־זון געוויס אויסגעדערכט פון מיר
די נעץ פון מיינע קליידער און פון מיין קער־
פּער, וועלכע האָט זיך איינגעזאַפּט אין מיר
אויף דורך און דורך.

איך האָב געמיינט, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום דאַרף מיך דער וועג אַרויספירן צו אַ צווייטער באַרג־הייזקע, וואָס שטייט שוין אויפן גרענעץ פונעם שניי־פּאַס — צום לעצטן פּונקט, ווי דער מידער וואַנדערער באַקומט אַ נאַכטלעגער און אַן עצה, ווי אַזוי בעסער צו לאָזן זיך דורך די גלעטשערן אַלץ העכער און העכער.

דער וועג איז געוואָרן אַלץ שווערער און געפערלעכער. אַ גרויסער טייל בערג־שפּיצן איז נאָך געווען פאַרהילט אין נעפּל און איי־ניקע פון זיי האָבן געטראָגן אויפן קאָפּ שטעפּ־סענע קיטלעכעס אָדער וואָלענע שאַלן, כאָטש די זון האָט גאַנץ שטאַרק געוואַרעמט.

כ׳האָב זיך דערמאָנט אָן די ווערטלעך פונעם אַלטן שווייצער, אַז „ווען די „יונגפרוי" האָט אַ קראַגן — דאַרף מען נישט צו פיל וואַגן" און „ווען די יונגפרוי האָט אַ הוט — וועט דאָס וועטער זיין גוט".

אָבער די „יונגפרוי" האָט געהאַט ביידע זאַכן...

דערפאַר אָבער פלעג איך אונטער די פיס באַמערקן פון צייט צו צייט אַזעלכע בלומען, וואָס איך האָב נאָך קיינמאָל אין אונדזערע קאַנטן נישט געזען.

דאָס זיינען געווען ווייסע האַרטע בלומען, ווי הונדערט מאָל פאַרגרעסערטע שניי־שטערן און זיי האָבן זיך גענעסטיקט צווישן די פעלזנ־שפאַלטן.

אין בעדעקערס*) וועג־ווייזער יוערן זיי באַצייכנט מיטן נאָמען „איידלווייס" און כ'האָב זיך דערמאָנט אָן דעם האָטעל צופוסנס דער יונג־פרוי, פון וועלכן כ'בין קוין אַזוי הויך אַיועק.

געוויינטלעכע טוריסטן רייסן אָן פילע קע־שענעס „איידלווייס", כדי זיי זאָלן זיך קאָנען נאָכדעם באַריטען אין טאָל, אַז זיי זיינען גע־ווען גאָר הייך אין די בערג. אָבער איך האָב געשאַלעוועט אַרויסצורייסן די דאָזיקע בלומען, וואָס האָבן זיך מיט אַלע זייערע כיחות גע־האַלטן אָן דעם פעלזיקן באָדן.

און וואָס זיינען ביכלאַל ווערט די דאָזיקע האַרטע פעלזיקע בלומען אין פאַרגלייך מיט מיין רויטער פאָן, וואָס וועט מאָרגן־איבערמאָרגן קלאַטערן איבער אַלע הויכן און ווייזן און דערציילן דער גאַנצער וועלט פון מיין אוי־סערגעוויינלעכער גבורה און געוואַגטקייט.

*) מחבר פון וועגווייזערס

VII.

דער נייגעריקער סאַנבערנאַרד. — אַ געווימער אונטער די פיס.

פאַרנאַכט ערשט איז מיר געלונגען צו דערקלייבן זיך צו דער באַרג הייזקע, וואָס שטייט כמין צווי קילאָמעטער די הייך איבערן ים-פלאַך און וואָס געפינט זיך אויף דער גרענעץ צווישן דעם פעלזן-פּאַס און שניי-פּאַס.

א געלער סאַנבערנאַרד-הונט, די גרויס ווי אַ קאַלב, איז מיר אַרויס אַנטקעגן און גענומען מיך באַשמעקן פון אַלע זייטן, ווי ער וואָלט זיך שטאַרק געווּנדערט, ווי אַזוי איך קום אַהער.

נישט קיין קלענערע פאַרווּנדערונג האָט אויך אַרויסגעוויזן דער באַלעבאָס פון הייזקע און כ'האָב וויביידן געמוזט דערציילן די גאַנצע געשיכטע, ווי אַזוי כ'האָב זיך דערקליבן צו זיי.

— איר שפּעלט צופיל אויף זיך! — האָט מיר דער אַלטער שווייצער, זייער ענלעך צו יענעם פּאַסטעך, וואָס איך האָב געזען אין דער ערשטער הייזקע, אַ זאָג געטאָן.

— אין אַזעלכע ערטער און ביי אַזעלכע וועטערן טאָר מען זיך אַליין נישט לאָזן. איר

האָט גליק, יונגערמאַן, איך האָב גליק! — האָט
ער שפּעטער אַביסל מוטיק געווען.

— ווען מיר איז מיין געלונגען צו דער־
קלייבן זיך אַזש אַהער, וועט מיר שוין גרינגס
געלינגען צו דערגרייכן דעם שפּיץ אויך! — האָב
איך ווי צו זיך אַליין פאַר פרייד א זאָג געטאָן.

— צו וועלכן שפּיץ? — האָט דער אַלטער
איבערגעפרעגט.

— צום שפּיץ פון דער „יונגפרוי“! — האָב
איך זיגעריש אָפּגעענטפערט.

— איר זייט, קאַנטיק, נישט קיין הינער! —
האָט מיך דער אַלטער מיט ביטול אָנגעקוקט.

— אָבער אַן עקשן! — האָב איך אים צוגע־
וואָרפן, אַרויסגייענדיק אין פּאָרטשטיבל זיך
אַרומוואַשן.

כ'האָב נאָך אָבער נישט באַוויזן אָנצוטאָן
זיך — ערשט איך האָב פּלוצים דערהערט א קנאַל,
ווי מ'וואָלט איינצייטיק פון צען האַרמאַטן
אויסגעשאָסן.

כ'בין אַריינגעפלויגן אין הייזקע פרעגן,
וואָס האָט פּאַסירט אַזוינס?

— ס'הייבט זיך שוין אָן — האָט דער אַלטער
קאַלטבלוטיק אָפּגעענטפערט

— וואָס הייבט זיך שוין אָן? — בין איך גע־

וואָרן אומרייק.
— דאָס געוויטער הייבט זיך אָן! — האָט
שוין דער אַלטער בייזלעך אָפּגעטעמפּערט און
נאָך איידער כ'האָב גענומען באַגרייפן, וואָס
אַזוינס עס קומט דאָ פאָר, האָב איך שוין דער־
הערט אַ צווייטן אויסבראָך פון אַ דונער און
כ'בין אַרויסגעפלויגן פון הייזל אויפן הויף, ווי
כ'וואָלט זיך וועלן ראַטעווען פון אַן אומגע־
ריכטער געפאַר. און דאָרטן ערשט איז מיר
קלאָר געוואָרן דאָס גאַנצע שפּיל...
יע, ס'האָט אויסגעזען נישט מער, ווי אַ
שפּיל, וואָרום דער הימל איבערן קאָפּ איז
געווען ריין און לויטער. די זון האָט געהאַלטן
אין אַרונטערלאָזן זיך צו מערב־זייט און גע־
וואָרפן אירע שטראַלן גלייך אין די אויגן
אַריין. און אונטן — טיף אונטן — איז דער גאַנצער
טאָל באַלאַגערט פון שוואַרצע כמאַרעס און
שפּילט זיך אין געוויטער.
יע, ס'איז נישט מער, ווי אַ שפּיל. וואָרום
וואָס קאָן דען זיין שענער און פרייליכער, ווי
איבערלעבן אַ געוויטער אונטער די פיס?
דאָ און דאָרט מערקסטו שלענגלט זיך
דורך אַ בליץ, ווי עמיצנס אַ געהיימע האַנט
וואָלט פאַרוואָרפן אַ גאָלדענע וועדקע אין

שוואַרצן ים אַריין. און גלייך נאָכדעם קראַכט אויס אַ דונער, וועלכן די פעלזנשפּיצן כאַפּן אונטער און הייבן אים אָן איבערוואַרפן פון שפּיץ צו שפּיץ, ווי אַ פּילקע צו אויסגע-קסרעקסטע הענט.

און יעטווידער דונער-קנאַל הילכט אָפּ אין די בערג אַזוי לאַנג, ביז עס קומט פון טאָל כשוגענערהייט צופליען אַ צווייטער... אַ דריטער... און ס'האָט נאָך נישט באַוויזן אָפּצוקלינגען דאָס עכאָ פון די ערשטע, ווי ס'קומען שוין נייע און נייע אויסברוכן... און אָט אַזוי האָבן אין משך פון אַ האַלבער שעה די גרייז גרויע אַלפּנקעפּ זיך געשפּילט אין פּיטבאָל און אי-בערגעשריען איינע די אַנדערע.

און איבער דעם אַלעם שטראַלט די פּאַר-נאַכטיקע זון, וואָס לאָזט זיך אַרונטער, ווי אַ קרוין אויפן קאָפּ פון דעם זיגער... און דער זיגער—בין איך, וואָס שטיים צווישן הימל און ערד פול התפעלות און גלויבן...

VIII.

ווידער בערג-גייסטער.—ווינטער אין תמוז.—צוויי פּערענעס.

— איר זעט עס געוויס צום ערשטן מאָל זין אייער לעבן?—האָט מיך דער אַלטער אַ פרעג

געטאָן, און כ'בין אַריין צוריק אין הייזקע.

— צום ערשטן מאָל!—האָב איך כמעט ווי אויסגעשריען פאַר פרייד.

— היינטיקס מאָל איז דאָס דורכגעגאַנגען אַ סך רויקער, ווי אַלע מאָל, ווייל ס'איז פאָרגעקומען פאַרנאַכט...—האָט זיך דער אַלטער, ווי פאַרענטפערט פאַר מיר, פונקט ווי ער אַליין וואָלט עס צוגעגרייט פאַר מיר די דאָזיקע שפּיל.

— דאָס רוב פּאַסירט עס ביינאַכט אין דענסטמאָל איז אַ סך סומנער און געפערלעכער, איבערהויפּט נאָך אין אַזעלכע נעכט ווי די איצטיקע... האָט דער אַלטער שפּעטער אַביסל צוגעגעבן.

— וואָס הייסט, ווי די איצטיקע?—בין איך געוואָרן נייגעריק.

— ווייל איצטער איז די לבנה אין איר פולן גאַנג און אין אַזעלכע נעכט ווערן די בערגגייסטער זייער אומרויק... ווען אין טאָל ברעכט אויס אַ געוויטער, הייבן זיי דענסטמאָל אָן צו קייקלען לאַווינעס און מיר לעבן אין איין סויטשרעק.

— צו דער לבנה קאָן איך שוין פון דאַנען מיטן האַנט דערלאַנגען... — פּרוביר איך מאַכן

שוואַרצן ים אַריין. און גלייך נאָכדעם קראַכט אויס אַ דונער, וועלכן די פעלזנשפּיצן כאַפּן אונטער און הייבן אים אָן איבערוואַרפן פון שפּיץ צו שפּיץ, ווי אַ פּילקע צו אויסגע־עטרעקטע הענט.

און יעטווידער דונער־קנאַל הילכט אָפּ אין די בערג אַזוי לאַנג, ביז עס קומט פון מאָל כשוגענערווייז צופליען אַ צווייטער... אַ דריטער... אין ס'האָט נישט נאָך באַוויזן אָפּצוקלינגען דאָס עכאָ פון די ערשטע, ווי ס'קומען שוין נייע און נייע אויסברוכן... און אָט אַזוי האָבן אין כסך פון אַ האַלבער שעה די גרייזגרויע אָלפּנקעפּ זיך געשפּילט אין פּוטבאָל און אי־בערגעשריען איינע די אַנדערע.

אין איבער דעם אַלעם שטראַלט די פּאַר־נאַכטיקע זון, וואָס לאָזט זיך אַראַנטער, ווי אַ קרוין אויפן קאָפּ פון דעם זיגער... אין דער זיגער—בין איך, וואָס שטיים צווישן הימל און ערד פול התפּעלות און גלויבן...

VIII.

ווידער בערג־גייסטער.—ווינטער אין תמוז.—צוויי פּערענעס.

— איר זעט עס געוויס צום ערשטן מאָל זין אייער לעבן?—האָט מיך דער אַלטער אַ פרעג

געטאָן, און כ׳בין אַריין צוריק אין הייזקע.
— צום ערשטן מאָל! — האָב איך כמעט ווי אויסגעשריען פאַר פרייד.
— היינטיקס מאָל איז דאָס דורכגעגאַנגען א סך רויקער, ווי אַלע מאָל, ווייל ס׳איז פאַר־געקומען פאַרנאַכט... — האָט זיך דער אַלטער, ווי פאַרענטפערט פאַר מיר, פונקט ווי ער אַליין וואָלט עס צוגעגרייט פאַר מיר די דאַ־זיקע שפּיל.
— דאָס רוב פאַסירט עס ביינאַכט און דענסטמאָל איז א סך סומנער און געפערלע־כער, איבערהויפּט נאָך אין אַזעלכע נעכט ווי די איצטיקע... האָט דער אַלטער שפּעטער אַביסל צוגעגעבן.
— וואָס הייסט, ווי די איצטיקע? — בין איך געוואָרן נייגעריק.
— ווייל איצטער איז די לבנה אין איר פולן גאַנג און אין אַזעלכע נעכט ווערן די בערגגייסטער זייער אומרויק... ווען אין טאָל ברעכט אויס א געוויטער, הייבן זיי דענסטמאָל אָן צו קייקלען לאַווינעס און מיר לעבן אין איין טויטשרעק.
— צו דער לבנה קאָן איך שוין פון דאַנען מיסן האַנט דערלאַנגען... — פּרוביר איך מאַכן

א וויך, זעענדיק, ווי דער אַלטער איז שטאַרק אופגעלייגט אַ פלוידער צו טאָן.

— ווען „זיי" דאַרפן—דערלאַנגען זיי שוין צו איר אויך...—האָט דער אַלטער סודוספּול אַ זאָג געטאָן.

— ווער זיינען דאָס די „זיי"?

— אָט די בערג־גייסטער!

— וועלכע בערג־גייסטער?—מאַך איך זיך תמעוואַטע.

— אָט די בערג־גייסטער, וואָס נעסטיקן זיך אין אַלע בערג־שפּאַלטן און לויער׳ן אַף יעטווידן וואַנדערער, וואָס וואַגט אַריינצודרייסן זיך אין זייער קיניגרייך.

און דער אַלטשינקער האָט געשמאַק און באַטעמ׳ט געגומען דערציילן פאַרשיידענע שרעקלעכע געשיכטן וועגן אָט די בערג־גייסטער, וואָס געוועלטיקן איבער די אַלפּן.

דאָס זיינען די בערג־גייסטער, וואָס קייקלען לאַווינעס אין די לבנה־נעכט; דאָס זיינען די בערג־גייסטער, וואָס פאַרנאַרן נישט געניטע טוריסטן אין די אָפּגרונטן; דאָס זיינען די בערג־גייסטער, וואָס רופן אַרויס זאַווערוכעס אינמיטן זומער און לאָזן אַרויס פון די אייזגלעטשערס וואַסערפאַלן אין טאָל אַריין — און אַלץ דער־

פאַר, װאָס די כענטשן שטערן װײַטער די אין
װילן אַלץ אַרײַנדרײַסן זיך אין װײַטער קײניגרײַך...
אין דאָ האָט דער אַלטשינקער גענײַגטער אי
בעררעדצײלן די אַלע מעשׂיות, װעלכע כ׳האָב
שוין נעכטן אײַנגעהערט אין דער ערשטער
באַרג־הײַזקע. און ער װאָלט זיכער נאָך אין
נאָך אײַנגעדערצײלט, שדים װײסן װאָס װער
כ׳שלאָג אים נישט איבער, אַז כ׳װאָלט ני
געװײנט, װען ער הײצט אײַן אַבינטל דעם אי
װעלט, װײַל ס׳איז קאַלט געװאָרן.

— ס׳איז שטענדיק אַזוי, — האָט ער מיר באַ
רויקט, בײַ טאָג איז נישט צו דערטראָגן פֿון
היץ און בײַנאַכט — פֿון קעלט. מיר האָבן ...
שוין צוגעטײַנט דערצו, אָבער איר אײַנע ... איר
מוזן אַבישל לײַדן...

— איז גאָר נישטאָ קיין מיטל ... צו ...
זיך פֿון דער װינטערדיקער קעלט אין ...
תּמוז?

— פֿאַרװאָס נישט? ס׳איז דאָ, ... ער ...
אָפּגעשטעלט, — מירן אײַך געבן צװײ ...
צום איבערדעקן זיך.

אין האָב אים אָפּגעדאַנקט פֿאַר דעם ראַ
אײַנפֿאַל און בין מאַקע אַװעק באַלד שלאָ
זײענדיק זיכער, אַז מאָרגן אין דער צײַט ...

איך שוין געוויס זיין גאַנץ נאָענט צו מיין ציל, נישט געקוקט אַף די אַלע בערג־גייסטער און פוסטע חלומות פון די זקנים.

.IX

דאָס פינפער לעמפל.—פיבער.—א שווע־רער חלום.—אַ שפרונג אויף דער לבנה.

די אַלטע שווייצערקע, וואָס האָט מיר אָנגעוויזן מיין צימער צום שלאָפן, איז געווען פונקט אַזוי דיק ווי הויך, און דערצו נאָך איז אונטערן האַלדז ביי איר אַראָפּגעהאַנגען אַ צענפונטיקע וואַליע.

דאָס צימערל אַליין איז געווען שמאָל און נידעריק. אַ העלפט פון אים האָט פאַרנו־מען די הילצערנע בעט ביז די צוויי פערענעס כמעט ביז דער סטעליע. אַנטקעגן איז געשטאַ־נען אַ שמאָלער שפיגל־אַלמער און האַרט ביי דער בעט—אַ נאַכט־טישל, אַף וועלכן ס'האָט זיך געדרייכערט אַ פינפער לעמפל.

די פירעקיקע זקנה האָט מיר שטרענג אָנגעזאָגט, כ'זאָל אומבאַדינגט ניט פאַרגעסן אויסלעשן דאָס לעמפל, עס זאָל, חלילה, קיין סיבה ניט טרעפן.

— גוט, גוט!—האָב איך זי באַרויקט און

בין געװאָרן שטאַרק צופרידן, װאָס זי האָט זיך
סוף כל סוף אַרויסגעריסט פֿון ציבער, װײַל
זי האָט אויף מיר מיט איר אויסגעװײנטלעכן
אויסזען אָנגעװאָרפֿן אַ גרעסערע שרעק, אײדער
דער עלטער מיט זײַנע בקר־גײַסטער.
אָבער דאָס לעמפּל האָב איך טאַקע איר
אויף צו להכעיס ניט אויסגעלאָשן.
מעגלעך, אַז ס'האָט מיר ניט געקלעקט קײן
מוט צו בלײַבן אײנער אַלײן אין דער פֿינסטער,
אָדער אפֿשר בין איך טאַקע פֿײַל געװען
אַרויסצושלעפּן די האַנט פֿון אונטער די צװײ
שװערע פּערענעס, אונטער װעלכע איך האָב
דאָך ניט אויפֿגעהערט צו פֿיבערן פֿאַר קעלט.
איך האָב אַ לאַנגע צײַט ניט געקענט אײַנ־
שלאָפֿן, װײַל ס'איז מיר אפֿשר געװען צו ני־
דעריק דער צוקאָפּנס. די פּירקאַנסיקע שװײַ־
צערקע האָט מיר טאַקע געגעבן צװײ פּערענעס,
זי האָט אָבער פֿאַרגעסן צו געבן כאָטש אײן
קישן צוקאָפּנס און כ'האָב געמוזט אונטער־לײגן
מײַן רוקזאַק, כאָטש דאָס פֿלעשל קאָניאַק האָט
אַ ביסל געמוליעט דעם נאַקן.
האָב איך געגומען ערנסט באַטראַכטן מײַן
מאָרגנדיקן טאָג. מאָרגן װעל איך דאָך שוין
מוזן שטײגן אין אַ מדבר פֿון שנײ און אײַז־

גלעטשערס... און שטילע ספקות האָבן גענומען גריבלען מיין הארץ.

— וועט מיר טאַקע געלינגען אויסצופירן מיין פּלאַן איינעם אַליין?

— און וואָס קוקן זיי אַף מיר מיט חוזק, ווען כ'הייב אָן ריידן וועגן דעם שפּיץ פון דער „יונגפרוי"?

— און קען טאַקע געמאָלט זיין, עס זאָלן זיין בערגגייסטער, וואָס פאַרנאַרן טוריסטן?

— און וואָס איז דאָס פאַר א מין באַשע-פעניש אָט די פירעקיקע שווייצערקע מיט אַזאַ שווערער וואָליע אויפן האַלדז?

און נאָך און נאָך אַזעלכע אומגעלומפּערטע פראַגן און ספקות האָבן גענומען נאָגן אין האַרצן. כ'האָב זיך אַלץ ניט געקענט דער-וואַרעמען, ס'האָט מיר געקלאַפּט א צאָן אַן א צאָן. האָב איך זיך פאַרנורעט ביז איבערן קאָפּ אונטער די פערענעס און זיך אַזוי צוזאַמענ-געקנוילט, אַז איך האָב דערפילט מיינע קני אונטער דער מאָרדע . . . .

. . . .

... אָבער ניין!

איך שטייג ביז די קני אין שניי! די זון

בלענדס מיר די אויגן. די ווייסקייס פון די
אַלפנקעפ—נאָך מער!

דאָס ציל איז אַזוי נאָענט! אָט בין איך
אָפן שפּיץ פון דער „יונגפרוי״!

אָט ווערט פאַרחירקלעכט מיין סרוים!
מיין האַנט זוכט שוין אין רוקזאַק דעם
רויטן שטיק געוואַנט איפצושטעלן די פאָן!

כ'האַק אויס מיט מיין העקעלע א גריבל
אין שניי און שטיקלעך אייז שפּריצן מיר אין
פּנים אַריין.

ס'הייבט מיך אָן צו גליווערן. דער קאָפּ
שווינדלט און פלוצים ווערט שטאָק פינסטער,
ווי עמיצנס א געהיימע האַנט וואָלט פאַרצויגן
פלוצים אַ שוואַרצן פאָ־האַנג פון בארגשפּיץ
צום באַרגשפּיץ!

ז'זיינען געווים די בערג־גייסטער, וואָס
ווילן מיך אומברענגען. איך הייב אָן זוכן שוין
פון חושך און עלנד. און ווער ווייס, ווי אזוי
איך וואָלט זיך געראַטעוועט, ווען ס'באַווייזט
זיך נישט פלוצים פון יענער זייט באַרג
אַ משונה־גרויסע קיילעכדיקע לבנה, ווי א
קופּערנער קעסל מיטן דעק אויסגעדרייט צו
מיר און ער שוועבט און ער פליט, אָט דער
קופּערנער קעסל, אַ"ך נעענטער און נעענטער

צו מיר. ווי ער וואָלט מיר וועלן קומען וואָס גיכער צו הילף. און אָט איז ער שוין גאַנץ האַרט ביים שפּיץ פון דער „יונגפרוי". און אָט איז ער שוין גאַנץ גאָענס ביי מיר אונטער די פיס. נאָר איין שפּרונג און איך ראַטעווע זיך פון חושך און עלנד. און עפּעס אַ געהיימע קראַפט האָט מיר געגעבן אַ שטופּ אונטער צו אָט דעם ליכטיקן קריין, — האָב איך פאַר־לאָרן דעם באָדן אונטער זיך... איך שוועב... איך פלי...

X.

אויף דער לבנה. — שטאָטן רוקזאַק — פליגלען. — די צעבראָכענע פלאַש ווייַן. — לבנה־מלכּה. —בלוטסטראָפּן.— דער קוימען.

לכתחילה האָב איך זיך שטאַרק געחידושט, וואָס איך בין אַזוי גרינג אויף די פיס און נישט נאָר, וואָס איך פיל נישט די שווערקייט פון מיין רוקזאַק אויף די אַקסלען, נאָר פאַרקערט — ער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין צוויי פליגלען און גיט מיר די מיגלעכקייט צו שפּרינגען און שוועבן איבער דעם באַרגיק־צעקאַרבטן באָדן פון דער לבנה.

באַלד אָבער האָב איך זיך דערמאָנט וועגן דעם געזעץ פון צוציונגס־קראַפט, וואָס יעדער הימל־קערפּער פאַרמאָגט. און אַזוי ווי די לבנה איז אַ סך קלענער פון דער ערד — איז במילא די צוציונגס־קראַפט אירע אַ סך אַ קלענערע.

כ'האָב זיך באַנוצט מיט דער דאָזיקער גע־לעגנהייט און גענומען שפּרינגען און איבער־שפּרינגען דורך אָפּגרונטן, קראַטערס, משונה'דיקע פעלזן־שפּיצן און בערג. אָבער איך האָב ערגעץ נישט באַמערקט קיין סימן פון גראָז און וואַסער.

דער גאַנצער לבנה־באָדן האָט אויסגעזען, ווי די אַלפּן־קייט, אָבער אָן שניי און אייז־גלעטשערס. האָט זיך מיר פאַרגלוסט אָפּזוצן זיך אויף איינעם אַ פעלז, וואָס האָט אַרויסגע־שטאַרצט אין דער הויך איבער אַלע אַנדערע, און כ'האָב געוואָלט פון אים באַטראַכטן דעם גאַנצן ישוב.

דער פעלז האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט געווען פון קאָראַלן און ער האָט זיך געקאָלירט אַנטקעגן דער זון, ווי די פעדערן פון אַ פאַווע.

אָבער אָפּזוצנדיק זיך אויפן פעלז, האָב איך געמוזט אַפּנים צעברעכן מיין פלאַש וויין, ווייל

איך האָב דערפילט, ווי ס׳נעמט מיך שטאַרק אין דער פּלייצע. האָב איך פּאַוואָליע אַרויס־גענומען די שערבלעך פון רוקזאַק און זיי אַרויסגעוואָרפן אין אָפּגרונט אַריין, איבער וועלכן כ׳בין געזעסן.

ס׳האָט מיך שטאַרק געוואונדערט, וואָס איך האָב נישט דערהערט קיין שום קלאַנג, ווען די שטיקער גלאָז האָבן זיך געקייקלט איבער די פעלזן־ווענט.

האָב איך אָנגעהויבן קלאַפּן מיט מיינע באַנאָגלטע שיך איבערן־פעלז, ווי איך זיך, אָבער ווידעראַמאָל קיין שום קלאַנג און אָפּקלאַנג.

האָב איך שוין אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן קולות פון זיך אַליין, שרייען גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין, און האָב קיין שום קול נים דערהערט, ווי כ׳וואָלט געווען טויב־שטום.

האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז דאָ אַ טויט לעבן, אַז מ׳הערט דאָ די וועלט נישט און ס׳וואָלט זייער גוט געווען, ווען ס׳לויפן שוין פאַרביי די פיר און צוואַנציק שעה, ווען די לבנה באַגעגנט זיך ווידער מיט דער „יונגפרוי״, און איך כאַפּ זיך אַראָפּ צוריק צו דער ערד, צו מענטשן און צום לעבן.

מיין זייגערל איז שטיין געבליבן און כ׳האָב

לחליטן ניטש געווייסט, ווי שמעקט עס א'ז איצטער אויף דער ערד. האָב איך פאַריכן דעם קאָפּ אין הימל אַריין, ווי כ'וואָלט וועלן דערטאַפּן די צייט. אָבער פלוצים דערזע איך איבער מיין קאָפּ א ווייסינקן וואָלקנדל, וואָס ווערט אַלץ געדיכטער און שטייפער, געדיכטער און שטייפער און ס'הייבט אָן באַקומען דעם אייג־ וען סין א בענטשלעכן געשטאַלט, זייער ענלעך צו דער אַלטער שווייצערקע אין דער באַרג־ הייזקע, אָבער אָן הענט און אָן פיס.

און נאָך איידער איך האָב געקענט פאַרטיפן זיך אין אָט דעם אומגעלומפּערטן געשטאַלט— ערשט ס'איז געוואָרן פלוצים שטאָק פינצטער און כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז אַף דער לבנה פעלט גאָר אין גאַנצן דער איבערגאַנג צווישן טאָג אין נאַכט, די דעמערונג, ווי מיר האָבן עס אַף דער ערד. און דעריבער מוז איך שוין זיצן בלייבן אַף דעם דאָזיקן סכנות'דיקן פעלז, ביז ס'וועט ווידעראַמאָל פלוצים ליכטיק ווערן...

איך האָב פּרובירט צינדן שוועבעלעך, אָבער זיי האָבן פאַר קיין פאַל ניטש געוואָלט ברענען, נאָר די נאָזלעכער מיינע האָבן דער־ שפירט א מאָדנעם ריח — ס'איז אָבער ניטש געווען קיין שוועבל־ריח, נאָר אַ ריח פון שטאַרקן

ווײַן, וואָס האָט זיך גענומען, קאָנביק, אײַסדאָכפּן
פון מײַנע קלײדער צוליב דער שטאַרקער קעלט,
וואָס האָט גענומען גליחערן מײַנע גלידער.

איך האָב דערפילט, אַז ס׳קומט אָן מײַן
כּיף.

ערשט איך דערהער פּלוצים אַ שטים, ווי
עמיצער וואָלט אַרײַנגערעדט אין אַ פוסטער
פאַס אַרײַן און די דאָזיקע שטים האָט צו מיר
אַזוי געזאָגט:

— אַ דאַנק דעם, וואָס אַרום דיר האָט זיך
געשאַפן אַן ערדישע-אַטמאָספער און ביסט פאַר-
הילט אין אַן ערדישן וואָלקנדל -- קאָנסטו פאַר-
נעמען די שטים פון אונדז, לבֿנה-גײַסטער.
ס׳האָט אונדז געשיקט צו דיר די לבֿנה-מלכּה
אַליין נאָך צ׳ טראָפּן בלוט און, ווען זי באַ-
קומט צום דעם דאָזיקן בענטשלעכן בלוטס-
טראָפּן — וועט די לבֿנה שוין נישט זײַן מער
אַזאַ בלאַסע און אַזאַ קאַלטע...

כ׳האָב נאָך נישט באַוויזן צו באַנעמען די-
דאָזיקע ווערטער, ערשט איך האָב דערפילט,
ווי עמיצער טראָגט מיך אַלץ טיפער און
טיפער אין אָפּגרונט אַרײַן און עפּעס אַ וואַ-
רעמע פליסיקײט רינט מיר אין מויל אַרײַן.
אָבער צום גליק האָט דער דאָזיקער אָפּגרונט

אָנגעהייבן צו ווערן אַלץ שמעלער און שמעלער
און באַקומען דעם אויסזען פון אַ ציגלנעם
קוימען, וווּהין טאַקע כ'בין אַרײַנגעפאַלן — אין
געקומען צו זיך...

XI

איך קום צו זיך. — שוואַרץ אַף ווייס. —
בלוט פון נאָז. — באַרג פיבער.
מיט גרויס מאַטערניש האָב איך אויסגעריסן
מײַנע אייגן־לעפּלען און דעריזען אַז איך גע־
פין זיך, דינט זיך מיר, אין דעם יעלביקן
שטאַלן נידריקן ציבער, ווו כ'האָב זיך נעכטן
אײַנגעלייגט שלאָפן אָבער ווי אַלץ האָט זיך
דאָ געענדערט איבער אַ נאַכט!
כ'האָב אַף צו דער אַנדער געזוכטן צווייפלען,
צו געפין איך זיך טאַקע אַף דעמזעלביקן אָרט,
ווו איך האָב זיך נעכטן אָפּגעשטעלט.
אַלץ אַרום איז אַזוי שוואַרץ און פאַרווי־
כערט, ווי אין אַ קוימען און אַף מײַן נאַכט־
העמד רײַסלען זיך עטלעכע בלוט־פלעקן, ווי
די לבנה־מלכה וואָלט טאַקע אַף צו דער אַכט'ן
געזויגן פון מיר בלוטסטראָפּנס.
האָב איך פאַר גרויס שרעק געזוכטן שרײַען
צו זיך אַליין, ציטערנדיק, צי וועל איך דער־
הערן אַ קול אָדער ניט, און ווי גרויס איז

געוואָרן מײַן ברויט, ווען איך האָב דערהערט
ניט נאָר מײַן אייגענעם קול, נאָר אויך אפילו
די טריט פֿון אײנעם א מענטשן װאָס האָט
זיך אַרײַנגעשלײַכט אין צימער און געבליבן
שטײן, אַז מ'האָט אים איבערגעפֿירט די גאַנצע
באַלעבאַטישקײט...

מ'האָב גענומען א קוק צו טאָן אין דעם
דרײַען מענטשן, װאָס שטײען דאָ ..... זײַן
טריט האָט געבראַכט ... די טריט פֿון די
בערגמײַסטער, ... ער װאָלט האָבן אַרײַנ־
געקומען אין א פֿינצטער פֿאַר אַ...

מ'האָט מיך באַגראָבן א קאַלטער טויט
און מ'האָט זיך שטאַרק פֿאַרײַאָרט צו דער
מאַכן. אָבער אָנשטאָט דער מאָרגן איז
צוגעגאַנגען גאַנץ נאָענט צום בעט די פּירקאַ־
ליקע פֿאַרצערטע מיט דער טעכנישער
װאַליִע אַפֿן האַלדז און געבליבן צו מיר אַרײַנ־
טרײַבן, אַז מ'האָב זי איבערגעקליבן געמאַכט
מיטלסטער האָט פֿאַרטריבן די גאַנצע בעט
געוואַנט, דעם שפּיגל, דעם טיש און מיך
אַלײן.. און דאָ ערשט האָב איך אָנגעהויבן
קלײַבן אַביסל צו זיך און געהערט מיך באַ־
פֿרײַען פֿונעם טויטן חלום. װאָס מיר האָט
זיך געחלומט איז פֿון די טויערע פֿרײַנדס,

באַלאַנגט...

וויאָס האָבן מיך באַמערקט די

דאָ אָבער האָט די אַלטע

בלויזע טראָפּנס אויף מיין הקבר — איז זי געוואָרן

פאַרקריכן אין נעמען אַריינגעריסן

צו מיר. אַז כ'בין וויאָס גיכער אַריינצופאָרן

זיך אין מאַר אַריין, ווייל כ'האָב געקראָגן

דעם ריכטיקן באַרגשטיגער.

— וויאָס פאַר א באַרגשטיגער? — האָב איך

די אָנגעקלאָגט... א מעניגע.

— וויאָס אַלץ אייזלענדער קריגן? — האָט זי

בריגט א וויכטיגע געפֿאָן ... איך וויאָלט געי

וויען אין דעם שילדיק, און זי האָט ווידער

אַבער געגעבן וויינען אויף דעם הירבן. וויאָס

זיך האָב איך דאָ אָנגעמאַכט...

זע איך מיר... אַז כ'וויל פון איר ניט

כ'ביר וועלן נעמט איך אין מיר א בעט. זי

זאָל ווייַן אויך ניט אין פאַרלאָזן דעם ציבער,

וועל איך זיך אַנטאָן אין דעמבאָלט וועל איך

זיין קענען זיך דערשטיקן. זי ס'באַדאַרף

צו זיין מיט באַלעבאָס אַליין.

די אַלטע איז אַריין. איך האָב געזעצן

זיבן ציקאָפּנס — עס ריקזאַק, — און ס'איז געווען

מיינע איצט אָבער דער ריקזאַק. דאָס זיך

איין, איז בייסאַבס אַריינגעפאַלן פון מיין

צוקאָפּנס צום בעט און ס'האָט זיך מאַטע
אָף צו דער אַכטן צעבראָכן מיין פלאַש
קאָניאַק און אַלע מיינע זאַכן זיינען געוואָרן
דורכגענעצט מיטן וויין.

ס'האָט געדויערט אַ לענגערע צייט, ביז
דאָס אַלטע פּאָר פאָלק האָט מיר איינגע־
טריקנט אַ פרישע העמד און ערשט מיטאָג־
צייט האָב איך זיך ווי ס'באַדאַרף צו זיין
אַרומגעוואַשן און אָפּגעשווענקט פון זיך סיי
די סאַזשע, סיי דעם וויסטן חלום און סיי אויך
מיין פאַנטאַזיע וועגן דערגרייכן דעם שפּיץ
פון דער „יונגפרוי"...

ס'איז מיר געוואָרן קלאָר, אַז מיין וועג
אַף פאַרויס איז געשטערט. ווייל ס'האָבן מיר
געציטערט הענט און פיס, דער קאָפּ האָט גע־
שווינדלט, די טעמפּעראַטור איז געשטיגן און
ס'האָט זיך געוואָלט גאָרניט מער ווי שלאָפן,
שלאָפן און שלאָפן...

XII.

ערשט נאָכמיטאָג האָט זיך דער אַלטער
שווייצער איניינעם מיט זיין סאַן-בערנאַרד-הונט
איינגעשפּאַנט אין אַ וועגעלע און מיך אויף אים
אַרויפגעלייגט, ווי מע לייגט אַרויף אַ זאַק מיט
קאַרטאָפל.

מיר איז שוין געווען אַלץ איינס. צי די
וועלן מיך אַוועקפירן צוריק אין כאָל אַריין
אָדער גאָר צו דער לבנה-כ׳בה. וועלכע ב[illegible]
נאָך די פענסטערשע בלוטסטראָפנס, אָבי [illegible]
ווייטער פון אָט דער פירקאַנטיקער שווינדעלע[illegible]
ביז דער צענטוגטיקער האָליע אונטער דער
כאָ־דע... אַז מען ניסט [illegible]

איך בין געווען זיכער, אַז מען ניסט [illegible]
ביז אירע צוויי פערענעס צוזן ביז איר סינסטע[illegible]
לעכפל, האָט האָט פאַרוויכערס די ־על—־אָ־ס.
ניט מיר קיין זאַך ניט פאַנירט, און אי[illegible]
בין איר געווען אַ דם שונא.

אָבער דער אַלטינקער האָט צו מיר [illegible]
וועגער פריינדלעך געפרעגט אין דערציילט, אַ[illegible]
ס׳איז ניט דאָס ערשטע מאָל ווי אַ [illegible]
באַקומט דעם בערג-סיבער און מ׳איז נאָר ני[illegible]
האָט דאָס בלוט ביי מיר האָט זיך באַ־־ן [illegible]
נאָך און ניט פון די אויע־ן...
— און אָט, אַז איר וועט זיין אינ[illegible]
אַלץ אָפגעגעבן וועדן, ווי ביז די הענט — האָ[illegible]
ער מיך געגעבן טרייסטן. און טרייסטנדיק מי[illegible]
צוזוי, האָט ער מיך דערקייקלט צו דער ב[illegible]
הייזקע, פון וועלכער איך בין געקומען אַהער
אַ־ויסגעשפּיגן. און ער האָט מיך, ווי אַ [illegible]

סאָטע, איבערגעגעבן אין רשות פון יענעם שווייצער, וואָס האָט מיך דער ערשטער גע־וואָרנט, אז כ׳וועל זיך הייט נישט דערקלייבן.

— אהאָ, ער איז שוין דאָ צוריק דער ראָבינזאָן:—האָט יענער מיט פרייד אויסגעשריען, ווי ער וואָלט שוין לאַנג געוואַרט אויף מיר...

דעם אמת געזאָגט, האָב איך זיך געשעמט אים קוקן גלייך אין די אויגן אריין. אָבער ווען

דניאל סטארני אין דער שטיין.

ער האָט מיך גענומען אײַנרײַבן מיט ספּירט און דערלאַנגט מיר אַ הייסע גלאָז טיי מיט קאָניאַק און באַרויקט מיך, אַז מאָרגן וועל איך שוין קענען אויף די אייגענע פֿיס אַרונטער־לאָזן זיך צוריק אין בעדן אַרײַן — האָב איך אים שטאַרק ליב געקראָגן און אים אויסגע־דערציילט מײַן גאַנצע האַרץ.

— עס, ניריסקיים! — האָט ער מיך גענומען טרייסטן — ייִנגיק פאַנטאַזיעס ווערן צערונען ווי דער רויך. אַבי נאָר געזונט און לעבן — וועסטו נאָך פליען איבער דער „יונגפרוי" מיט צעראָפּלאַן!..

— גאַנץ ריכטיק — האָב איך מיט אים מסכים געווען און אין האַרצן בײַ זיך האָב איך געטראַכט, אַז כ'האָב נאָך אַ בעסערע טרייסט, ווי די זײַניקע!

כ'וועל די דאָזיקע איבערלעבענישן מײַנע אויפן וועג צו דער „יונגפרוי" באַשרײַבן פאַר ייִדישע קינדער און אויב נאָר די מעשה וועט זיי געפעלן ווערן — וועט דאָס מיר אויך שטאַרק הנאה טאָן און ס'וועט מיר זײַן גוט, ווי כ'וואָלט טאַקע דערגרייכט צום שפּיץ פון דער „יונגפרוי"...

לאָטאָ־שפיל
„רעטעניש“

צונויפגעשטעלט

פון ש. באסטאָמסקי

באמערקונגען צום שפיל

און

ענטפערס צו די רעטענישן

פארלאג

די נייע יידישע פאלקסשול

ווילנע